# דעם רבינ'ס מעשיות

סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת
בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ

מעשה ג'
מחיגר (1)
גליון 48

**שַׁבַּת שָׁלוֹם, יְלָדִים יְקָרִים!**

**בַּמַּעֲשֶׂה הֶחָדָשׁ שֶׁהִתְחַלְנוּ הַשָּׁבוּעַ**, רַבֵּנוּ מְסַפֵּר עַל **הַחִגֵּר**, שֶׁלֹּא יָכוֹל לָלֶכֶת עַל רַגְלָיו, וְהוּא נִצְרָךְ לְעֶזְרָה מֵאֶחָיו. מִבֵּין חֶלְקֵי הַסִּפּוּר, יָכוֹל הַמִּתְבּוֹנֵן בְּשִׂימַת לֵב, לִרְאוֹת אֶת הַגִּישָׁה הַמְּיֻחֶדֶת וְהֵלֶךְ מַחֲשַׁבְתּוֹ הַמֻּפְלָאָה שֶׁל **הַחִגֵּר**, שֶׁאֶפְשָׁר לִלְמֹד מִמֶּנּוּ הַרְבֵּה מְאֹד.

בַּהַתְחָלָה **הַחִגֵּר** יָכוֹל רַק לַעֲמֹד, אַךְ לֹא לָלֶכֶת, וְאֶחָיו עָזְרוּ לוֹ לְהִתְפַּרְנֵס. הַסִּפּוּר הָיָה יָכוֹל לְהִסְתַּיֵּם כָּאן, אַךְ **הַחִגֵּר** שֶׁלָּנוּ אֵינוֹ רוֹצֶה לִהְיוֹת מִסְכֵּן וְנִצְרָךְ, וְהוּא חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אֵיךְ יוּכַל לַעֲסֹק בְּמַשֶּׁהוּ, לְהִתְפַּרְנֵס מִיגִיעַ כַּפָּיו. זֶה לִמּוּד רִאשׁוֹן **שֶׁהַחִגֵּר** מְלַמֵּד אוֹתָנוּ: לְקַוּוֹת, וְלִרְצוֹת, **וְלֹא לְהִתְיָאֵשׁ**, לַמְרוֹת שֶׁהַבְּעָיָה שֶׁלּוֹ נִרְאֵית תְּקוּעָה, וּמְאֹד מְצִיאוּתִית, אַךְ הוּא מַמְשִׁיךְ **לְחַפֵּשׂ עֵצוֹת**, אֵיךְ בְּכָל זֹאת הוּא יָכוֹל לַעֲשׂוֹת מַשֶּׁהוּ, כְּדֵי לַעֲזֹר לְעַצְמוֹ.

וְהִנֵּה כֻּלָּם נִרְתָּמִים לְעֶזְרָתוֹ, וְהוּא יוֹצֵא לַדֶּרֶךְ מָלֵא תִּקְוָה, אַךְ פִּתְאוֹם הַכֹּל נֶהְפָּךְ עַל פָּנָיו, וְהוּא מוֹצֵא אֶת עַצְמוֹ לְבַדּוֹ בַּיַּעַר. בְּלִי הַכֶּסֶף, בְּלִי הַסְּחוֹרָה, וַאֲפִלּוּ בְּלִי אֲנָשָׁיו הַנֶּאֱמָנִים... **לְבַד מָה הָיִינוּ חוֹשְׁבִים בִּמְקוֹמוֹ?** בִּמְקוֹם לְהִתְקַדֵּם צַעַד, הוּא נָסוֹג אֲחוֹרַנִּית, אֲפִלּוּ הַמְּעַט שֶׁכְּבָר הָיָה לוֹ אָבַד. וְהִנֵּה הוּא כְּבָר לֹא יָכוֹל לַעֲמֹד, וְאֵין לוֹ מָזוֹן לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ. **מַה נִּשְׁאַר לוֹ חוּץ מִיֵּאוּשׁ גָּדוֹל מִכָּל חֲלוֹמוֹ שֶׁהִתְנַפֵּץ?**

הוּא הָיָה יָכוֹל לְבַלּוֹת אֶת שְׁאֵרִית יָמָיו בְּכַעַס וְתִסְכּוּל, עַל הַגַּזְלָנִים שֶׁחָמְסוּ אוֹתוֹ, וְעַל הַבַּעַל עֲגָלָה וְהַנֶּאֱמָן (שֶׁלֹּא נֶאֱמָן) שֶׁבָּרְחוּ לוֹ, וְהִשְׁאִירוּ אוֹתוֹ רָעֵב וַחֲסַר אוֹנִים, אַךְ **הַחִגֵּר** שֶׁלָּנוּ- כָּאן בְּעֹמֶק נְפִילָתוֹ מִתְגַּלָּה **נְקֻדָּתוֹ הַטּוֹבָה!** הוּא **לֹא מִתְיָאֵשׁ** כְּלָל! הוּא חוֹשֵׁב בְּדַעְתּוֹ מַה הוּא יָכוֹל לַעֲשׂוֹת עַכְשָׁו, וְלַמְרוֹת שֶׁהוּא בּוֹדֵד, וְנִפְחָד בַּיַּעַר לְבַדּוֹ, **הוּא עוֹשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ.** בַּתְּחִלָּה הוּא אוֹכֵל מַה שֶּׁנִּשְׁאַר לוֹ בָּעֲגָלָה, וְאח"כ **מַתְחִיל** לִזְחֹל עַל הָאָרֶץ, וְאוֹכֵל אֶת הָעֵשֶׂב שֶׁגָּדֵל מִסְּבִיבוֹ.... מִי הָיָה חוֹשֵׁב שֶׁדַּוְקָא מִשָּׁם, מֵעֹמֶק הַנְּפִילָה שֶׁלּוֹ, שֶׁהוּא כְּבָר יוֹדֵעַ וּמֵבִין בְּטַעֲמֵי הָעֵשֶׂב הַשּׁוֹנִים, **מִשָּׁם תִּצְמַח יְשׁוּעָתוֹ.** שֶׁיִּמְצָא אֶת **הַדּוּמִיט**, וִירַפֵּא אֶת עַצְמוֹ וְאֶת כָּל סְבִיבָתוֹ, וְכָל הָעוֹלָם יָבוֹא עַל תִּקּוּנוֹ **בִּזְכוּתוֹ!**

**הַחִגֵּר** מְלַמֵּד אוֹתָנוּ אֶת מַה **שֶׁרַבֵּנוּ שָׁאַג בְּקוֹל גָּדוֹל, שֶׁאֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל!** וַאֲפִלּוּ שֶׁמַּרְגִּישִׁים לִפְעָמִים שֶׁהָרָצוֹן הַטּוֹב שֶׁלָּנוּ רָחוֹק מֵהַמְּצִיאוּת, וּבִמְקוֹם לְהִתְקָרֵב אֲנַחְנוּ רַק מִתְרַחֲקִים, וְנוֹפְלִים, וְנִשְׁבָּרִים. צוֹעֵק לָנוּ **הַצַּדִּיק**, לֹא לְהִתְיָאֵשׁ! אַל תִּתְיָאֵשׁ, תַּמְשִׁיךְ **לַעֲשׂוֹת אֶת שֶׁלְּךָ**, מַה שֶּׁאֶפְשָׁר בַּמָּקוֹם שֶׁלְּךָ, וְאָז בְּעֹמֶק הַיְרִידָה, אִם לֹא מִתְיָאֲשִׁים, **"יֵשׁ עִנְיָן שֶׁיִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה"...**

שַׁבַּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ!



# מַעֲשֶׂה ב – מֵ'הַחִגֵּר'

## [פֶּרֶק א] לְהַשְׁקוֹת אִילָנוֹת תָּמִיד / הַ'בֵּן הַחִגֵּר' / הַ'גַּזְלָנִים' / אוֹכֵל עֲשָׂבִים

**[א]** מַעֲשֶׂה בְּחָכָם אֶחָד: קֹדֶם מוֹתוֹ, קָרָא אֶת בָּנָיו וּמִשְׁפַּחְתּוֹ, וְצִוָּה אוֹתָם: "לְהַשְׁקוֹת אִילָנוֹת"! – גַּם יֵשׁ לָכֶם רְשׁוּת לַעֲסֹק בִּשְׁאָר פַּרְנָסוֹת! אֲבָל בָּזֶה תִּשְׁתַּדְּלוּ [לַעֲשׂוֹת תָּמִיד], לְהַשְׁקוֹת אִילָנוֹת!

אַחַר־כָּךְ נִפְטַר הֶחָכָם, וְהִנִּיחַ בָּנִים! וְהָיָה לוֹ בֵּן אֶחָד שֶׁלֹּא הָיָה יָכוֹל לֵילֵךְ, וְהָיָה יָכוֹל לַעֲמֹד, רַק שֶׁלֹּא הָיָה יָכוֹל לֵילֵךְ.

וְהָיוּ אֶחָיו נוֹתְנִים לוֹ סִפּוּק דֵּי פַּרְנָסָתוֹ, וְהָיוּ מַסְפִּיקִים אוֹתוֹ כָּל־כָּךְ, עַד שֶׁנִּשְׁאַר לוֹ.

וְהָיָה אוֹתוֹ הַבֵּן (שֶׁלֹּא הָיָה יָכוֹל לֵילֵךְ), מְקַבֵּץ עַל־יַד עַל־יַד מִמָּה שֶׁנִּשְׁאַר לוֹ מִפַּרְנָסָתוֹ, עַד שֶׁקִּבֵּץ סַךְ מְסֻיָּם.

וְיָשַׁב עַצְמוֹ: "לָמָּה לִי לְקַבֵּל הַסְפָּקָה מֵהֶם? – טוֹב שֶׁאַתְחִיל לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה מַשָּׂא־וּמַתָּן"!

וְאַף שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לֵילֵךְ, יָעַץ בְּדַעְתּוֹ: "לִשְׂכֹּר לוֹ עֲגָלָה, וְנֶאֱמָן, וּבַעַל־עֲגָלָה, וְיִסַּע עִמָּהֶם לְ[הָעִיר]'לַיְפְּסִיק', וְיוּכַל לַעֲשׂוֹת הַמַּשָּׂא־וּמַתָּן, אַף שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לֵילֵךְ"!

כְּשֶׁשָּׁמְעוּ הַמִּשְׁפָּחָה זֹאת, הוּטַב בְּעֵינֵיהֶם וְאָמְרוּ: "לָמָּה לָנוּ לִתֵּן לוֹ הַסְפָּקָה? טוֹב שֶׁיִּהְיֶה לוֹ פַּרְנָסָה! – וְהִלְווּ לוֹ עוֹד מָעוֹת, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לִנְהֹג הַמַּשָּׂא־וּמַתָּן.

**[ב]** וְשָׂכַר לוֹ 'עֲגָלָה', וְ'נֶאֱמָן', וּ'בַעַל־עֲגָלָה'. וְנָסַע, וּבָא לִקְרֶעטְשְׁמֶע [אַכְסַנְיָא].

וְאָמַר הַנֶּאֱמָן: "שֶׁיָּלִינוּ שָׁם"! – וְלֹא רָצָה. וְהִפְצִירוּ בּוֹ, וְהוּא עִקֵּשׁ אוֹתָם.

וְנָסְעוּ מִשָּׁם, וְתָעוּ בַּיַּעַר, וְנָפְלוּ עֲלֵיהֶם 'גַּזְלָנִים'.

וְאוֹתָן הַ'גַּזְלָנִים' נַעֲשׂוּ, עַל־יְדֵי [מַעֲשֶׂה]: שֶׁהָיָה פַּעַם־אַחַת 'רָעָב', וּבָא אֶחָד לָעִיר וְהִכְרִיז: "מִי שֶׁרוֹצֶה מְזוֹנוֹת, יָבוֹא אֵלָיו! – וְנִתְקַבְּצוּ אֵלָיו כַּמָּה אֲנָשִׁים.

וְהוּא עָשָׂה בְּ'עָרְמָה' – וּמִי שֶׁהָיָה מֵבִין בּוֹ שֶׁאֵין בּוֹ צֹרֶךְ אֵלָיו, דָּחָה אוֹתוֹ. וּלְאֶחָד הָיָה אוֹמֵר: "אַתָּה תּוּכַל לִהְיוֹת בַּעַל־מְלָאכָה"! – וְלָזֶה אָמַר: "אַתָּה תּוּכַל לִהְיוֹת בָּרֵחַיִם"!

וּבֵרֵר רַק 'אֲנָשִׁים חֲכָמִים', וְהָלַךְ עִמָּהֶם לַיַּעַר, וְאָמַר לָהֶם: "שֶׁיִּהְיוּ נַעֲשִׂים גַּזְלָנִים! בַּאֲשֶׁר שֶׁמִּכָּאן הוֹלְכִים הַדְּרָכִים לְ[הָעִיר]'לַיְפְּסִיק', לְ[הָעִיר]'בְּרֶעסְלָא', וְלִשְׁאָר מְקוֹמוֹת, וְנוֹסְעִים בְּכָאן סוֹחֲרִים, וְנִגְזֹל אוֹתָם, וּנְקַבֵּץ מָעוֹת"!

וְנָפְלוּ עֲלֵיהֶם (הַיְנוּ: אֵלּוּ הַ'גַּזְלָנִים' הַנַּ"ל – נָפְלוּ עַל הַבֵּן הַנַּ"ל שֶׁלֹּא הָיָה יָכוֹל לֵילֵךְ, וְעַל הָאֲנָשִׁים שֶׁלּוֹ, דְּהַיְנוּ: הַ'נֶּאֱמָן', וְהַ'בַּעַל־עֲגָלָה').

הַ'בַּעַל־עֲגָלָה' וְהַ'נֶּאֱמָן' שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לִבְרֹחַ, בָּרְחוּ. וְהוּא נִשְׁאַר עַל הָ'עֲגָלָה'.

וּבָאוּ [הַ'גַּזְלָנִים'], וְלָקְחוּ הַתֵּבָה שֶׁל הַמָּעוֹת, וְשָׁאֲלוּ אוֹתוֹ: "לָמָּה אַתָּה יוֹשֵׁב"?! – וְהֵשִׁיב: "שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לֵילֵךְ"! – וְגָזְלוּ הַתֵּבָה וְהַסּוּסִים, וְהוּא נִשְׁאַר עַל הָעֲגָלָה.

**[ג]** וְהַ'נֶּאֱמָן' וְהַ'בַּעַל־עֲגָלָה' (שֶׁבָּרְחוּ לְמָקוֹם שֶׁבָּרְחוּ), יִשְּׁבוּ עַצְמָם: "בַּאֲשֶׁר שֶׁלָּקְחוּ 'פְּרוּקְלַאדִיךְ' [הִתְחַיְּבִיּוֹת כַּסְפִּיּוֹת] מִפָּרִיצִים, וְלָמָּה לָהֶם לָשׁוּב לְבֵיתָם, שֶׁיּוּכְלוּ לָבוֹא בְּשַׁלְשְׁלָאוֹת? טוֹב לָהֶם לִשָּׁאֵר שָׁם (בַּמָּקוֹם שֶׁבָּרְחוּ לְשָׁם), וְיִהְיוּ בְּכָאן 'נֶאֱמָן' וּ'בַעַל־עֲגָלָה'"!

וְהַבֵּן [הַחִגֵּר] הַנַּ"ל – כָּל זְמַן שֶׁהָיָה לוֹ הַמַּאֲכָל שֶׁלָּקַח מִבֵּיתוֹ 'לֶחֶם יָבֵשׁ' שֶׁהָיָה בָּעֲגָלָה (שֶׁקּוֹרִין: 'סוּחָרִים'), אָכַל אוֹתָם.

וְאַחַר־כָּךְ כְּשֶׁכָּלָה וְלֹא הָיָה לוֹ לֶאֱכֹל, יָשַׁב עַצְמוֹ: "מַה לַּעֲשׂוֹת"! – וְהִשְׁלִיךְ עַצְמוֹ מֵהָעֲגָלָה, לֶאֱכֹל 'עֲשָׂבִים'.

וְהָיָה לָן יְחִידִי בַּשָּׂדֶה, וְנִפְחַד, וְנִטַּל מִמֶּנּוּ הַכֹּחַ – עַד שֶׁלֹּא הָיָה יָכוֹל אֲפִלּוּ לַעֲמֹד, רַק לִרְחֹשׁ [לִזְחֹל] (בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז: 'רוּקְן זִיךְ'), וְהָיָה אוֹכֵל הָעֵשֶׂב סְבִיבוֹתָיו.

וְכָל־זְמַן שֶׁהָיָה יָכוֹל לְהוֹשִׁיט וְלֶאֱכֹל, הָיָה אוֹכֵל שָׁם. וְאַחַר־כָּךְ, כְּשֶׁכָּלָה הָעֵשֶׂב סְבִיבוֹ, עַד שֶׁלֹּא הָיָה יָכוֹל לְהוֹשִׁיט – הָיָה מְנַתֵּק עַצְמוֹ לְהַלָּן, וְאָכַל שָׁם. וְהָיָה אוֹכֵל הָעֵשֶׂב אֵיזֶה זְמַן.

## [פֶּרֶק ב] הָ'עֵשֶׂב' עִם 'יַהֲלֹם הַסְּגֻלּוֹת' / הַשֶּׁמֶשׁ וְיָרֵחַ / 'אִילָן הַסְּגֻלּוֹת' / הַ'דְּרָכִים' וְהֶ'אָבָק'

**[א]** פַּעַם־אֶחָד: בָּא לְ'עֵשֶׂב אֶחָד', שֶׁעֲדַיִן לֹא אָכַל 'עֵשֶׂב כָּזֶה', וְהוּטַב בְּעֵינָיו 'אוֹתוֹ הָעֵשֶׂב', מֵחֲמַת שֶׁהָיָה אוֹכֵל זְמַן רַב 'עֲשָׂבִים', וְהָיָה מַכִּיר בָּהֶם, וַעֲדַיִן לֹא רָאָה 'עֵשֶׂב כָּזֶה'.

וְיָשַׁב עַצְמוֹ: "לְעָקְרוֹ עִם שָׁרְשׁוֹ"! – וְהָיָה תַּחַת הַשֹּׁרֶשׁ: 'דּוּמִיט' [אֶבֶן יַהֲלֹם]. וְהַ'דּוּמִיט' הָיָה מְרֻבָּע. וְכָל צַד [מֵהַ'דּוּמִיט'] הָיָה לוֹ סְגֻלָּה אַחֶרֶת.

וּבְצַד אֶחָד הָיָה כָּתוּב: "שֶׁמִּי שֶׁיֹּאחֵז 'אוֹתוֹ צַד', יִשָּׂא אוֹתוֹ לְמָקוֹם שֶׁיּוֹם וָלַיְלָה נִתְקַבְּצִים בְּיַחַד, שֶׁהַשֶּׁמֶשׁ וְהַיָּרֵחַ נִתְקַבְּצִים שָׁם בְּיַחַד"!

וּכְשֶׁעָקַר הָעֵשֶׂב עִם הַשֹּׁרֶשׁ שֶׁהָיָה שָׁם הַ'דּוּמִיט', נִזְדַּמֵּן: שֶׁאָחַז בְּ'אוֹתוֹ הַצַּד' (הַמְּסֻגָּל לִשָּׂא אוֹתוֹ לְמָקוֹם שֶׁיּוֹם וָלַיְלָה מִתְקַבְּצִים, כַּנַּ"ל).

וְנָשָׂא אוֹתוֹ, וּבָא לְמָקוֹם שֶׁיּוֹם וָלַיְלָה נִתְוַעֲדִים יַחַד. וְהִסְתַּכֵּל: וְהִנֵּה הוּא שָׁם, בַּמָּקוֹם שֶׁשֶּׁמֶשׁ וְיָרֵחַ בָּאִים בְּיַחַד, כַּנַּ"ל.

**[ב]** וְשָׁמַע: שֶׁהַשֶּׁמֶשׁ עִם הַיָּרֵחַ מְדַבְּרִים!

וְהָיָה הַשֶּׁמֶשׁ קוֹבֵל לִפְנֵי הַיָּרֵחַ: "בַּאֲשֶׁר שֶׁיֵּשׁ אִילָן שֶׁיֵּשׁ לוֹ עֲנָפִים רַבִּים, וּפֵרוֹתָיו וְעָלָיו!

וְכָל עָנָף וְעָנָף, וּפְרִי, וְעָלֶה, יֵשׁ לוֹ סְגֻלָּה מְיֻחֶדֶת! – שֶׁזֶּה מְסֻגָּל לְבָנִים! וְזֶה מְסֻגָּל לְפַרְנָסָה! וְזֶה מְסֻגָּל לִרְפוּאַת חוֹלַאַת זֶה! וְזֶה לְחוֹלַאַת אַחֶרֶת! – כָּל אֶחָד וְאֶחָד [מִפְּרָטֵי הָאִילָן], מְסֻגָּל לְדָבָר אַחֵר!

וְזֶה הָאִילָן הָיוּ צְרִיכִין לְהַשְׁקוֹתוֹ! – וְאִם הָיוּ מַשְׁקִין אוֹתוֹ, הָיָה מְסֻגָּל מְאֹד! – וְלֹא דַּי שֶׁאֵין אֲנִי מַשְׁקֶה אוֹתוֹ, אֶלָּא שֶׁעַל־יְדֵי שֶׁאֲנִי מַזְרִיחַ עָלָיו, אֲנִי מְיַבֵּשׁ אוֹתוֹ"!

**[ג]** עָנְתָה הַלְּבָנָה וְאָמְרָה: "אַתָּה דּוֹאֵג דְּאָגוֹת אֲחֵרִים! – אֲנִי אֲסַפֵּר לְךָ עֵסֶק שֶׁלִּי:

הֱיוֹת שֶׁיֵּשׁ לִי 'אֶלֶף הָרִים', וּסְבִיבוֹת הָ'אֶלֶף הָרִים' יֵשׁ עוֹד 'אֶלֶף הָרִים', וְשָׁם 'מְקוֹם שֵׁדִים', וְהַשֵּׁדִים יֵשׁ לָהֶם 'רַגְלֵי תַּרְנְגוֹלִים', וְאֵין לָהֶם כֹּחַ בְּרַגְלֵיהֶם, וְיוֹנְקִים מֵרַגְלַי, וּמֵחֲמַת זֶה אֵין לִי כֹּחַ בְּרַגְלַי!

וְיֵשׁ לִי 'אָבָק', הַיְנוּ 'פּוּל', שֶׁהוּא רְפוּאָה לְרַגְלַי, וּבָא רוּחַ וְנוֹשֵׂא אוֹתוֹ".

**[ד]** עָנְתָה הַחַמָּה: "אֶת זֶה אַתָּה דּוֹאֵג? (בִּלְשׁוֹן תֵּמַהּ)! אַגִּיד לְךָ 'רְפוּאָה': בַּאֲשֶׁר שֶׁיֵּשׁ דֶּרֶךְ, וּמֵ'אוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ' מִתְפַּצְּלִים 'כַּמָּה דְּרָכִים'!

דֶּרֶךְ אֶחָד שֶׁל צַדִּיקִים! – אֲפִלּוּ הַצַּדִּיק שֶׁהוּא בְּכָאן, מְפַזְּרִים תַּחְתָּיו 'אוֹתוֹ הָאָבָק' שֶׁבְּ'אוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ' הַנַּ"ל, בְּכָל פְּסִיעָה. וְכָל פְּסִיעָה שֶׁהוּא פּוֹסֵעַ, הוּא דּוֹרֵךְ בְּ'אוֹתוֹ הָאָבָק'.

וְיֵשׁ דֶּרֶךְ שֶׁל אֶפִּיקוֹרְסִים! – אֲפִלּוּ אֶפִּיקוֹרֵס שֶׁבְּכָאן, מְפַזְּרִים תַּחְתָּיו בְּכָל פְּסִיעָה מֵ'אוֹתוֹ הָאָבָק', כַּנַּ"ל.

וְיֵשׁ דֶּרֶךְ שֶׁל מְשֻׁגָּעִים! – אֲפִילוּ מְשֻׁגָּע שֶׁבְּכָאן, מְפַזְּרִים תַּחְתָּיו, כַּנַּ"ל.

וְכֵן יֵשׁ כַּמָּה דְּרָכִים!

וְיֵשׁ דֶּרֶךְ אַחֵר: בַּאֲשֶׁר שֶׁיֵּשׁ 'צַדִּיקִים' שֶׁמְּקַבְּלִים עַל עַצְמָם יִסּוּרִים, וּמוֹלִיכִים אוֹתָם הַפָּרִיצִים בְּשַׁלְשְׁלָאוֹת, וְאֵין לָהֶם כֹּחַ בְּרַגְלֵיהֶם, וּמְפַזְּרִים תַּחְתֵּיהֶם מֵ'אוֹתוֹ הָאָבָק' שֶׁל 'אוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ', וְיֵשׁ לָהֶם כֹּחַ בְּרַגְלֵיהֶם.

עַל־כֵּן תֵּלֵךְ לְשָׁם [לְדֶרֶךְ הַנַּ"ל שֶׁל הַצַּדִּיקִים שֶׁמְּקַבְּלִים עֲלֵיהֶם יִסּוּרִים], שֶׁיֵּשׁ שָׁם הַרְבֵּה אָבָק – וְיִהְיֶה לְךָ רְפוּאָה עַל רַגְלֶיךָ"!

(כָּל זֶה [הַנַּ"ל – הֵם] דִּבְרֵי הַחַמָּה אֶל הַלְּבָנָה)! – וְהוּא [הַחִגֵּר] שָׁמַע כָּל זֶה!

## סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
# מַעֲשֶׂה ב – דֶער 'הִינְקֶעדִיגֶער'

## [פֶּרֶק א] אָנְטְרֶענְקֶען בַּיימֶער שְׁטֶענְדִיג / דֶער 'הִינְקֶעדִיגֶער זוּהְן' / דִי 'גַזְלָנִים' / עֶר עֶסְט גְרָאז

**[א] מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'חָכָם'! – פַּאר זַיין טוֹיט, הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע 'קִינְדֶער', אוּן זַיין 'מִשְׁפָּחָה', אוּן הָאט זֵיי גֶעלָאזְט 'צַוָואָה': "אַז זֵיי זָאלְן אָנְטְרֶענְקְן בַּיימֶער! אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין** [זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן] **אִין אַנְדֶערֶע 'פַּרְנָסוֹת' אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד** [שְׁטֶענְדִיג] **צוּ טָאן, אָנְצוּטְרֶענְקֶען בַּיימֶער"!**

**דֶערְנָאךְ אִיז דֶער 'חָכָם' גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן הָאט גֶעלָאזְט** [אִיבֶּערְגֶעלָאזְט] **קִינְדֶער! – אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אֵיין זוּהְן, וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין! – 'שְׁטֵיין' הָאט עֶר יָא גֶעקֶענְט, נָאר 'גֵיין' הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט** [עֶר אִיז גֶעוֶוען 'הִינְקֶעדִיג']**!**

**פְלֶעגְן אִים דִי 'בְּרוּדֶער' גֶעבְּן סִיפּוּק אוֹיף זַיין פַּרְנָסָה** [שְׁפַּייז אוּן אוֹיסְהַאלְטְן] **– אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אַזוֹיפִיל גֶעגֶעבְּן, בִּיז עֶס אִיז אִים נָאךְ אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן!**

**הָאט עֶר** [דֶער דָאזִיגֶער זוּהְן וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין]**, זִיךְ צוּם אוֹיפְגֶעזַאמְלְט** [צוּנוֹיפְגֶעזַאמְלְט] **בִּיסְלֶעכְוַוייז,** [פוּן] **דָאס וָואס עֶס אִיז אִים אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן** [אִיבֶּעריג] **חוּץ** [פוּן זַיין] **פַּרְנָסָה – בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעזַאמְלְט** [אַ סְכוּם פוּן] **אַסַאךְ גֶעלְט!**

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "נָאךְ וָואס** [פַארְוָואס] **זָאל אִיךְ בַּיי זֵיי קִצְבָּה** [אַ גֶעהַאלְט] **נֶעמֶען? בֶּעסֶער וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן** [עֶפֶּעס] **'מַשָּׂא־וּמַתָּן' צוּ טָאן** [הַאנְדְלְן]**"!**

**אוּן כָאטְשֶׁע עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "**[אַז] **עֶר וֶועט זִיךְ דִינְגֶען אַ 'פוּהְר'** [וָואגְן]**, מִיט אַ 'נֶאֱמָן'** [בַּאגְלֵייבְּטֶער מֶענְטְשׁ צוּ פִירְן דִי הַאנְדְל]**, מִיט אַ 'בַּעַל־עֲגָלָה'; אוּן וֶועט מִיט זֵיי פָּארְן קַיין 'לַייפְּצִיג' – וֶועט עֶר קֶענֶען פִירְן דֶעם 'מַשָּׂא־וּמַתָּן', כָאטְשֶׁע עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין"!**

**ווי דִי 'מִשְׁפָּחָה' הָאט דָאס דֶערְהֶערְט, אִיז דָאס זֵיי זֵייעֶר וואוּיל־גֶעפֶעלְן! – אוּן** [זֵיי] **הָאבְּן אוֹיךְ גֶעזָאגְט: "נָאךְ וָואס** [פַארְוָואס] **זָאלְן מִיר אִים גֶעבְּן הַסְפָּקָה** [גֶעהַאלְט]**? בֶּעסֶער לָאז** [זָאל] **עֶר זִיךְ מַאכְן אַ פַּרְנָסָה"! – אוּן** [זֵיי] **הָאבְּן אִים נָאךְ צוּגֶעלֵיגְן** [פַארְבָּארְגְט] **גֶעלְט, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען פִירְן דֶעם 'מַשָּׂא־וּמַתָּן'!**

**[ב] הָאט עֶר אַזוֹי גֶעטָאן, אוּן הָאט זִיךְ גֶעדִינְגֶען אַ 'פוּהְר'** [וָואגְן]**, אוּן אַ 'נֶאֱמָן'** [בַּאגְלֵייבְּטֶער מֶענְטְשׁ צוּ פִירְן דִי הַאנְדְל]**, אוּן אַ 'בַּעַל־עֲגָלָה'! – אוּן אִיז גֶעפָארְן, אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'קְרֶעטְשְׁמֶע'!**

**הָאט דֶער 'נֶאֱמָן' גֶעזָאגְט: "אַז מְ'זָאל דָארְט גֶענֶעכְטִיגְן"! – הָאט עֶר** [דֶער הִינְקֶעדִיגֶער] **נִישְׁט גֶעוָואלְט וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבֶּעטְן,** [אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיי אִים]**, אוּן עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּערְגֶעשְׁפַּארְט** [גֶעעַקְשְׁנְ'ט]**!**

**זֶענֶען זֵיי אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט, אוּן זֶענֶען פַארְבְּלָאנְדְזֶעט גֶעוָוארְן אִין אַ 'וַואלְד'! זֶענֶען** [אוֹיף] **זֵיי אָנְגֶעפַאלְן 'גַזְלָנִים'!**

**אוּן דִי** [דָאזִיגֶע] **'גַזְלָנִים', זֶענֶען גֶעוָוארְן עַל־פִּי מַעֲשֶׂה: – עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען** [אַ] **'הוּנְגֶער' – אִיז אֵיינֶער גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין, אוּן הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן: "וֶוער עֶס וִויל עֶסְן, זָאל צוּ אִים קוּמֶען"! – זֶענֶען צוּ אִים גֶעקוּמֶען** [זִיךְ פַארְזַאמֶעלְט]**, כַּמָּה** [אַסַאךְ] **מֶענְטְשְׁן!**

**הָאט עֶר** [גֶעמַאכְט אַ שְׁווִינְדְל, אוּן זֵיי נִישְׁט גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן – דְהַיְינוּ: עֶר הָאט] **גֶעזֶעהְן** [דֶערְצוּ: אַז בַּיי] **דִי מֶענְטְשְׁן וָואס** [עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי] **קוּמֶען אִים נִישְׁט צוּנִיץ, הָאט עֶר זֵיי מַדְחֶה גֶעוֶוען** [אָפְּגֶעשְׁטוֹיסְן]**! – צוּ אֵיינֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דוּ קֶענְסְט זַיין אַ 'בַּעַל־מְלָאכָה'"! אוּן צוּ דֶעם** [אַנְדֶערְן] **הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דוּ קֶענְסְט זַיין אִין אַ 'מִיל'"!**

**אוּן** [עֶר] **הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן נָאר 'קְלוּגֶע יוּנְגְן'! – אוּן אִיז מִיט זֵיי גֶעגַאנְגֶען אִין 'וַואלְד' אַרַיין, אוּן הָאט זֵיי אָנְגֶערֶעדְט: "אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן 'גַזְלָנִים'! בַּאֲשֶׁר** [אַזוֹי־ווי] **פוּן דַאנֶעט** [דָא] **גֵייעֶן וֶועגְן קַיין 'לַייפְּצִיג' אוּן קַיין 'בְּרֶעסְלָא' אוּן צוּ אַנְדֶערֶע עֶרְטֶער, פָּארְן דָא דוּרְךְ סוֹחֲרִים, וֶועלְן מִיר זֵיי רַאבֶּעוֶוען** [בַּארוֹיבְּן]**, וֶועלְן מִיר הָאבְּן** [זִיךְ זַאמְלֶען]

גֶעלְט"! (אַזוֹי הָאט דֶער 'גַזְלָן' וָואס הָאט פְּרִיעֶר אוֹיסְגֶערוּפְן אִין שְׁטָאט, זַיי אָנְגֶערֶעדְט).

זֶענֶען דִי [דָאזִיגֶע אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'גַזְלָנִים' אָנְגֶעפַאלְן אוֹיף זַיי (דְהַיְינוּ: אוֹיף דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן זוּהְן, דֶער הִינְקֶעדִיגֶער] וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, אוּן אוֹיף זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, דְהַיְינוּ: דֶער 'נֶאֱמָן, מִיט דֶעם 'בַּעַל־עֲגָלָה').

דֶער 'נֶאֱמָן' אוּן דֶער 'בַּעַל־עֲגָלָה' [וָואס] הָאבְּן גֶעקֶענְט אַנְטְלוֹיפְן, זֶענֶען זַיי אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן! – אוּן 'עֶר' [דֶער הִינְקֶעדִיגֶער], אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגְן!

זֶענֶען דִי 'גַזְלָנִים' צוּ אִים גֶעקוּמֶען, אוּן הָאבְּן בַּיי אִים אַוֶּועקְגֶענוּמֶען דָאס 'קֶעסְטְל' מִיט 'גֶעלְט'! – אוּן הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "[פַאר]וָואס זִיצְטוּ"?! – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "[אַז] עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין"! – אוּן זַיי הָאבְּן בַּיי אִים גֶערַאבֶּעוֶועט [בַּארוֹיבְּט] דָאס 'קֶעסְטְל' [מִיט גֶעלְט], אוּן דִי 'פֶערְד'! – אוּן 'עֶר' אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגְן!

[ג] אוּן דֶער 'נֶאֱמָן' מִיט דֶעם 'בַּעַל־עֲגָלָה' וָואס זַיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן [דָארְט וואוּ זַיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן], הָאבְּן זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶועזְן: "בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] זַיי הָאבְּן גֶענוּמֶען 'פְּרוּקְלַאדְן' [גֶעבָּארְגְט גֶעלְט דוּרְךְ שְׁטָרוֹת] בַּיי 'פְּרִיצִים' – נָאךְ וָואס [אִיז פַארְוָואס] זָאלְן זַיי זִיךְ אוּמְקֶערְן [צוּרִיקְקֶערְן] אַהֵיים, זַיי קֶענֶען [דָאךְ] קוּמֶען אִין קֵייטְן אַרַיין? – בֶּעסֶער וֶועלְן זַיי דָארְט בְּלַייבְּן (דָארְט וואוּ זַיי זֶענֶען אַהִין אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן), אוּן וֶועלְן דָארְט זַיין, אַ 'נֶאֱמָן' אוּן אַ 'בַּעַל־עֲגָלָה'"!

אוּן דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער זוּהְן, דֶער הִינְקֶעדִיגֶער] וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, וָואס עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגְן – כָּל־זְמַן [וִוילַאנְג] עֶר הָאט נָאךְ גֶעהַאט [אוֹיפְן וָואגְן], דִי 'סוּכַארֶעס' [טְרוּקֶענֶע בְּרוֹיט] וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען פוּנְדֶערְהֵיים – הָאט עֶר זַיי גֶעגֶעסְן!

דֶערְנָאךְ אַז דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט צוּ עֶסְן, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶועזְן: "וָואס טוּט מֶען"?! – הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן פוּן דֶעם וָואגְן, עֶר זָאל עֶסְן 'גְרָאז'!

הָאט עֶר גֶענֶעכְטִיגְט אַלֵיין אִין 'פֶעלְד'! – אִיז עֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן! – אִיז בַּיי אִים אַוֶּועקְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן דֶער כֹּחַ! – הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אֲפִילוּ שְׁטֵיין, נָאר רוּקְן זִיךְ [קְרִיכְן], אוּן עֶר פְלֶעגְט עֶסְן דָאס 'גְרָאז', וָואס עֶס אִיז גֶעוֶועזְן אַרוּם אִים!

אוּן כָּל־זְמַן [וִוילַאנְג] עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶערְלַאנְגְן צוּם 'גְרָאז' אוּן עֶסְן, הָאט עֶר [דָארְט] גֶעגֶעסְן! – דֶערְנָאךְ אַז עֶס אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען דָאס 'גְרָאז' אַרוּם אִים, אַז עֶר הָאט [דָאס] שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלַאנְגְן – הָאט עֶר זִיךְ אַוֶּועקְגֶערוּקְט וַוייטֶער, אוּן הָאט וַוייטֶער גֶעגֶעסְן – הָאט עֶר אַזוֹי גֶעגֶעסְן דָאס 'גְרָאז' אַ [שְׁטִיקְל] צַייט!

## [פֶּרֶק ב] דָאס 'קְרַייטֶעכְץ' מִיטְן 'סְגוּלָה דִימַאנְט' / דִי 'זוּן' אוּן דִי 'לְבָנָה' / דִי 'סְגוּלָה בּוֹים' / דִי 'וֶועגְן' אוּן דִי 'שְׁטוֹיבּ'

[א] אַמָאל: אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אַ [גֶעוִויסֶע] 'קְרַייטֶעכְץ' [גְרָאז], וָואס עֶר הָאט נָאךְ 'אַזוֹי אַ [אַזַא] קְרַייטֶעכְץ' נִישְׁט גֶעגֶעסְן! – אִיז אִים 'דָאס [דָאזִיגֶע] קְרַייטֶעכְץ' זֵייעֶר גֶעפֶעלְן, מַחֲמַת [וַוייל] עֶר הָאט גֶעגֶעסְן אַ לַאנְגֶע צַייט 'קְרַייטֶעכְצֶער' [גְרָאזְן], אוּן עֶר הָאט זַיי שׁוֹין גֶעקֶענְט, אוּן 'אַזוֹי אַ [אַזַא] קְרַייטֶעכְץ', הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט גֶעזֶעהְן!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶועזְן: "עֶר וֶועט עֶס אוֹיסְרַייסְן מִיט דֶעם 'וָוארְצְל'"! – אִיז גֶעוֶועזְן אוּנְטֶערְן 'וָוארְצְל': אַ 'דוּמִיט' [דִימַאנְט]! – אוּן דֶער 'דוּמִיט' אִיז גֶעוֶועזְן פִיר־עֶקֶעכִיג [פִיר־עֶקֶעדִיג; פִיר־קַאנְטִיג]! – אוּן אִיטְלֶעכֶע זַייט פוּן דֶעם 'דוּמִיט', הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ אַ אַנְדֶערֶע 'סְגוּלָה'!

אוֹיף 'אֵיין זַייט' פוּן דֶעם 'דוּמִיט', אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן: "אַז וֶוער עֶס וֶועט אָנְנֶעמֶען [אָנְכַאפְּן דִי דוּמִיט] בַּיי 'דֶער [דָאזִיגֶער] זַייט', וֶועט עֶס אִים טְרָאגְן אַהִין [צוּם פְּלַאץ] וואוּ 'טָאג' אוּן 'נַאכְט' קוּמֶען זִיךְ צוּם־אוֹיף [צוּנוֹיף]! – דְהַיְינוּ: וואוּ דִי 'זוּן' מִיט דֶער 'לְבָנָה' קוּמֶען זִיךְ צוּם־אוֹיף [צוּנוֹיף] אִינְאֵיינֶעם"!

וִוי דֶער [הִינְקֶעדִיגֶער] הָאט אוֹיסְגֶערִיסְן דָאס 'קְרַייטֶעכְץ' מִיט דֶעם 'וָוארְצְל' (וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶועזְן דֶער 'דוּמִיט') – הָאט זִיךְ מִזְדַמֵן גֶעוֶועזְן [סְ'הָאט פַּאסִירְט]: אַז עֶר הָאט אָנְגֶענוּמֶען [דָאס] [אָנְגֶעכַאפְּט] בַּיי

׳דֶער [דָאזִיגֶער] זַייט׳! (דְהַיְינוּ: בַּיי ׳דֶער [דָאזִיגֶער] זַייט׳ וָואס עֶס אִיז מְסוּגָל, עֶס זָאל אִים טְרָאגְן, צוּ דֶעם אָרְט וָואס ׳טָאג׳ אוּן ׳נַאכְט׳ קוּמֶען זִיךְ צוּם־אוֹיף [צוּנוֹיף]).

הָאט עֶס אִים אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן אַהִין, [צוּם פְּלַאץ] וואוּ ׳טָאג׳ אוּן ׳נַאכְט׳ קוּמֶען זִיךְ צוּם־אוֹיף [צוּנוֹיף]! – עֶר קוּקְט זִיךְ אַרוּם, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט! ([בַּיי דֶעם פְּלַאץ] וואוּ ׳טָאג׳ אוּן ׳נַאכְט׳, דְהַיְינוּ: דִי ׳זוּן׳ מִיט דֶער ׳לְבָנָה׳, קוּמֶען זִיךְ אִינְאֵיינֶעם צוּם־אוֹיף [צוּנוֹיף]).

[ב] הָאט עֶר גֶעהֶערְט: וִוי דִי ׳זוּן׳ מִיט דֶער ׳לְבָנָה׳ שְׁמוּעֶסְן!

אוּן דֶער ׳זוּן׳ הָאט זִיךְ גֶעקְלָאגְט פַּאר דֶער ׳לְבָנָה׳: ״בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] סְ׳פַּארְהַאנְדְן אַ ׳בּוֹים׳ – וָואס דֶער ׳בּוֹים׳ הָאט אַסַאךְ ׳צְוַוייגְן׳, אוּן ׳פֵּירוֹת׳, אוּן ׳בְּלֶעטְלֶעךְ׳!

אוּן אִיטְלֶעכֶע ׳צְוַוייג׳, אוּן אִיטְלֶעכֶע ׳פְּרִי׳, אוּן אִיטְלֶעכְס ׳בְּלֶעטְל׳, הָאט אִין זִיךְ אַ בַּאזוּנְדֶערֶע ׳סְגוּלָה׳! – דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ ׳קִינְדֶער׳! אוּן דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ ׳פַּרְנָסָה׳! אוּן דָאס אִיז מְסוּגָל סְ׳זָאל הֵיילְן דָאס ׳חוֹלַאת׳ [קְרֶענְק]! אוּן דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ אַ אַנְדֶער ׳חוֹלַאת׳ [קְרֶענְק]! – אִיטְלֶעכְס פִּיצְל פוּן דֶעם ׳בּוֹים׳, אִיז מְסוּגָל צוּ אַ אַנְדֶערֶע זַאךְ!

אוּן דֶעם [דָאזִיגְן] ׳בּוֹים׳, וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט אָנְטְרֶענְקְן! – אוּן אַז מְ׳זָאל אִים אָנְטְרֶענְקְן, וָואלְט עֶס זַייעֶר מְסוּגָל גֶעוֶועְן! – אוּן לֹא־דַי [נִישְׁט־נָאר] אִיךְ טְרֶענְק אִים נִישְׁט אָן – שַׁייְן אִיךְ נָאךְ אוֹיף אִים, אוּן [אוּן דוּרְכְדֶעם] פַארְטְרוּקְן [אִיךְ] אִים״!

[ג] הָאט זִיךְ דִי ׳לְבָנָה׳ אָנְגֶערוּפְן (צוּ דֶער ׳זוּן׳): ״דוּ זָארְגְסְט פְרֶעמְדֶע זָארְג! – אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן מַיין דַאֲגָה:

בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] אִיךְ הָאבּ ׳טוֹיזְנְט בֶּערְג׳! – אוּן אַרוּם דִי ׳טוֹיזְנְט בֶּערְג׳, אִיז דָא נָאךְ ׳טוֹיזְנְט בֶּערְג׳! – אוּן דָארְט, אִיז דָאס אָרְט פוּן ׳שֵׁדִים׳! – אוּן דִי ׳שֵׁדִים׳ הָאבְּן ׳הִינֶערִישֶׁע פִּיס׳! הָאבְּן זֵיי קַיין ׳כֹּחַ׳ נִישְׁט אִין דִי ׳פִּיס׳! נֶעמֶען זֵיי ׳כֹּחַ׳ פוּן מַיינֶע ׳פִּיס׳! – אוּן מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם, הָאבּ אִיךְ קַיין ׳כֹּחַ׳ נִישְׁט אִין מַיינֶע ׳פִּיס׳!

אוּן אִיךְ הָאבּ אַ ׳פּוּל׳ (דְהַיְינוּ: אַ ׳שְׁטוֹיבּ׳), וָואס דֶער [דָאזִיגֶער] ׳פּוּל׳ אִיז אַ ׳רְפוּאָה׳ צוּ מַיינֶע ׳פִּיס׳! – קוּמְט אַ ׳וִוינְט׳, אוּן טְרָאגְט אִים אַוֶועק״!

[ד] הָאט זִיךְ דִי ׳זוּן׳ אָנְגֶערוּפְן [צוּ דִי ׳לְבָנָה׳]: ״אַדָאס [דֶערוֹיף] זָארְגְסְטוּ?! אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן אַ ׳רְפוּאָה׳: בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] סְ׳פַּארְהַאנְדְן אַ ׳זֶועג׳! אוּן פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] ׳זֶועג׳, צוּטֵיילְן [צוּשְׁפְּרֵייטְן] זִיךְ כַּמָה [אַסַאךְ] ׳זֶועגְן׳!

אֵיין ׳זֶועג׳, אִיז פוּן ׳צַדִיקִים׳! – אֲפִילוּ דֶער ׳צַדִיק׳ וָואס עֶר אִיז דָא – שִׁיט [שְׁפְּרֵייט] מֶען אִים אוּנְטֶער, דֶעם [דָאזִיגְן] ׳פּוּל׳ [שְׁטוֹיבּ] פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] ׳זֶועג׳ [פוּן דִי ׳צַדִיקִים׳], אִין אִיטְלֶעכְן טְרֶעט [בַּיי יֶעדְן טְרִיט]! – אוּן אִיטְלֶעכְן טְרֶעט וָואס עֶר טוּט [יֶעדְן טְרִיט וָואס עֶר גֵייט], גֵייט עֶר אַלְץ, אוֹיף דֶעם [דָאזִיגְן] ׳פּוּל׳ [שְׁטוֹיבּ]!

אוּן סְ׳פַארְהַאנְדְן אַ ׳זֶועג׳, פוּן ׳אַפִּיקוֹרְסִים׳! – אֲפִילוּ דֶער ׳אַפִּיקוֹרֶס׳ וָואס עֶר אִיז דָא – שִׁיט [שְׁפְּרֵייט] מֶען אִים אוּנְטֶער דֶעם [דָאזִיגְן] ׳פּוּל׳ [פוּנֶעם דָאזִיגְן ׳זֶועג׳ פוּן דִי ׳אַפִּיקוֹרְסִים׳], אִין אִיטְלֶעכְן טְרֶעט [בַּיי יֶעדְן טְרִיט], כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אוּן סְ׳פַארְהַאנְדְן אַ ׳זֶועג׳, פוּן ׳מְשׁוּגָעִים׳! – אֲפִילוּ אַ ׳מְשׁוּגָע׳ וָואס עֶר אִיז דָא – שִׁיט [שְׁפְּרֵייט] מֶען אִים אוּנְטֶער דֶעם ׳פּוּל׳ [פוּנֶעם דָאזִיגְן ׳זֶועג׳ פוּן דִי ׳מְשׁוּגָעִים׳], כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדְן כַּמָה [אַסַאךְ] ׳זֶועגְן׳!

אוּן סְ׳פַארְהַאנְדְן אַ [אַנְדֶערְן גֶעוִויסְן] ׳זֶועג׳: בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] סְ׳פַארְהַאנְדְן ׳צַדִיקִים׳, וָואס זֵיי זֶענֶען מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ ׳יִסוּרִים׳, [אוּן עֶס] פִּירְן זֵיי דִי פְּרִיצִים אִין קַייטְן – הָאבְּן זֵיי קַיין ׳כֹּחַ׳ נִישְׁט אִין דִי ׳פִּיס׳ – שִׁיט [שְׁפְּרֵייט] מֶען זֵיי אוּנְטֶער, פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] ׳פּוּל׳ [שְׁטוֹיבּ] פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] ׳זֶועג׳ – הָאבְּן זֵיי [בַּאקוּמֶען זֵיי דֶערְפוּן] ׳כֹּחַ׳ אִין דִי ׳פִּיס׳!

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]: זָאלְסְטוּ [דָארְט] אַהִינְגֵיין [צוּם ׳זֶועג׳ וואוּ דִי ׳צַדִיקִים׳ וָואס זֶענֶען מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ ׳יִסוּרִים׳, בַּאקוּמֶען דָארְט ׳כֹּחַ׳ אִין דִי ׳פִּיס׳] – וָוארְן דָארְט אִיז דָא אַסַאךְ ׳פּוּל׳ [שְׁטוֹיבּ] – וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ ׳רְפוּאָה׳ אוֹיף דִי ׳פִּיס׳״!

(דָאס הָאט אַלְץ דִי ׳זוּן׳ גֶערֶעדְט, צוּ דֶער ׳לְבָנָה׳)! – אוּן ׳עֶר׳ הֶערְט דָאס אַלְץ! (הַיְינוּ: דֶער וָואס הָאט קַיין ׳כֹּחַ׳ נִישְׁט גֶעהַאט אִין דִי ׳פִּיס׳ [דֶער הִינְקֶעדִיגֶער], הָאט דָאס אַלְץ גֶעהֶערְט).

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ______________

טעלפון ______________

שטאט ______________

# בחינה אויף סיפורי מעשיות

## די דריטע מעשה - מעשה מחיגר (1)

**א. וואס האט דער חכם געלאזט צוואה פאר זיינע קינדער?**
- ☐ צו פלאנצן פרוכט
- ☐ צו אקערן פעלדער
- ☐ צו אנטרונקען ביימער

**ב. וואס האט דער חיגר יא געקענט?**
- ☐ גיין
- ☐ שטיין
- ☐ לויפן

**ג. פון וואו האט דער זון געהאט פרנסה?**
- ☐ ער האט באקומען פון גבאי צדקה
- ☐ ער האט נישט געהאט וואס צו עסן
- ☐ די ברודער האבן אים געגעבן

**ד. פון וואו האט ער געהאט געלד צו טון משא ומתן?**
- ☐ פון וואס ס'איז אים איבערגעבליבן פון זיין פרנסה
- ☐ די ברודער האבן אים פארבארגט (גיליגען)
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. ער האט זיך מיישב געווען צו פארן קיין?**
- ☐ ברעסלא
- ☐ לייפציק
- ☐ איטליא

**ו. וועמען האט ער מיטגענומען אויפ'ן וועג?**
- ☐ א בעל עגלה
- ☐ א נאמן
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט פאסירט אינמיטן וועג?**
- ☐ א גזלן האט זיי באפאלן
- ☐ גזלנים זענען זיי אנגעפאלן
- ☐ די וואגן האט זיך צובראכן

**ח. ווער איז אנטלאפן?**
- ☐ דער חיגר און דער נאמן
- ☐ דער נאמן און דער בעל עגלה
- ☐ דער חיגר דער נאמן און דער בעל עגלה

**ט. וואס האבן זיי גראבעוועט פון אים?**
- ☐ דאס קעסטל און די פערד
- ☐ די פערד און די וואגן
- ☐ דאס קעסטל די פערד און די וואגן

**י. וואס האט ער געגעסן אנפאנג?**
- ☐ סוחערעס (טרוקענע ברויט)
- ☐ ער האט נאר געטרונקען
- ☐ מצות

**יא. וואס האט ער געגעסן ווען ס'האט זיך געענדיגט די עסן פון וואגן?**
- ☐ ער האט געטראפן ברויט
- ☐ ער האט נאר געטרונקען
- ☐ גראז

**יב. נאכדעם וואס ער האט געגעסן גענעכטיגט אין פעלד האט ער געקענט שטיין?**
- ☐ ער האט צוריק אנגהויבן צו גיין
- ☐ ער האט געקענט שטיין
- ☐ ער האט נאר געקענט זי רוקן

**יג. פארוואס האט ער אויסגרוסן די קרייטיכץ מיט די ווארצל?**
- ☐ ווייל ס'האט אים אויסגעזען גאר א אלטע קרייטיכץ
- ☐ ווייל ער האט געוואלט עסן אויך די ווארצל
- ☐ ווייל אזא קרייטיכץ האט ער נאכנישט געזען

**יד. וויאזוי איז געווען דער דומיט וואס ער האט געטראפן?**
- ☐ רינדעכיג
- ☐ א לאנגע קעסטל
- ☐ פיר עקעדיג

**טו. וויאזוי איז ער אנגעקומען צו פלאץ וואס טאג און נאכט טרעפן זיך?**
- ☐ ער איז געגאנגען צופיס
- ☐ מיט פערד און וואגן
- ☐ ער האט אנגעכאפט דער דומיט אויף די זייט וואס ווער עס כאפט אן די זייט קומט אן צו פלאץ וואס טאג און נאכט טרעפן זיך

**טז. וואס האט די זון געקלאגט פאר דער לבנה?**
- ☐ אז ער האט נישט כח און די פוס ווייל די שדים נעמען זייער כח פון זיינע פוס
- ☐ אז ער טרוקענט די בוים וואס האט אין זיך אסאך סגולות
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יז. וואספארא דאגה האט די לבנה דערציילט?**
- ☐ אז ער האט נישט כח און די פוס ווייל די שדים נעמען זייער כח פון זיינע פוס
- ☐ אז זי טרוקענט די בוים וואס האט אין זיך אסאך סגולות
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד צוּ טָאן. אָן צוּ טְרֶענְקֶען בֵּיימֶער - מיט פיל הצלחה**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס מעשיות

**צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5-3333-72 - ארה"ב 646-518-1095**

בס"ד



# דעם רבינ'ס מעשיות

שם ____________

טלפון ____________

עיר ____________

# מבחן בסיפורי מעשיות

## מעשה ג׳ - מחיגר (1)

**א. מה צוה החכם לבניו ומשפחתו לפני מותו?**
- ❑ לזרוע פירות
- ❑ לזרוע פירות ולחרוש שדות
- ❑ שישתדלו להשקות אילנות

**ב. הבן החיגר היה יכול לעמוד או לא?**
- ❑ לא
- ❑ כן
- ❑ יכול לעמוד רק עם מקל

**ג. איך היה פרנסה לחיגר?**
- ❑ קיבץ נדבות
- ❑ לא היה לו מה לאכול כלל
- ❑ אחיו נותנים לו די פרנסתו

**ד. איך היה מעות לחיגר לעסוק במשא ומתן?**
- ❑ קיבץ ממה שנשאר לו מפרנסתו
- ❑ משפחתו הלוו לו מעות
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ה. לאן רצה ליסוע החיגר?**
- ❑ לברעסלא
- ❑ ללייפסיק
- ❑ לאיטליא

**ו. את מי לקח עמו החיגר לדרך?**
- ❑ בעל עגלה
- ❑ נאמן
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ז. מה קרה בדרך?**
- ❑ נפל עליהם גזלן אחד
- ❑ נפלו עליהם גזלנים
- ❑ העגלה נשברה

**ח. מי הצליח לברוח?**
- ❑ החיגר והנאמן
- ❑ הבעל עגלה והנאמן
- ❑ החיגר והבעל עגלה והנאמן

**ט. מה הם גזלו?**
- ❑ התיבה והסוסים
- ❑ הסוסים והעגלה
- ❑ התיבה והסוסים והעגלה

**י. מה אכל בתחילה החיגר?**
- ❑ לחם יבש שהיה בעגלה
- ❑ לא אכל רק שתה
- ❑ מצות שהיה בעגלה

**יא. מה אכל החיגר אח"כ כשכלה האוכל בעגלה?**
- ❑ מצא חבילת לחם ישן לאכול
- ❑ היה רק שותה מים
- ❑ השליך עצמו מהעגלה לאכול עשבים

**יב. אחר שהחיגר לן בשדה, היה יכול לעמוד או לא?**
- ❑ התרפא והתחיל ללכת
- ❑ כן
- ❑ היה יכול רק לרחוש

**יג. למה החיגר עקר העשב מהשורש?**
- ❑ כי זה היה נראה לו עשב ישן מאוד
- ❑ כי רצה לאכול גם השורש
- ❑ כי היה מכיר בהם ועדיין לא ראה עשב כזה

**יד. איך היה נראה הדומיט שמצא מתחת לעשב הנ"ל?**
- ❑ עגול
- ❑ מלבן
- ❑ מרובע

**טו. איך הגיע החיגר למקום שיום ולילה נתוועדים יחד?**
- ❑ התחיל ללכת ברגליו והלך עד שהגיע לשם
- ❑ עם סוס ועגלה
- ❑ נזדמן לו שאחז הדומיט בצד המסוגל לשא למקום שיום ולילה מתקבצים

**טז. מה שמע שהשמש קובל לפני הירח?**
- ❑ שהשדים אין להם כח ברגליהם והם יונקים מרגלי ואין לי כח ברגלי
- ❑ כי יש אילן שהוא מסוגל להרבה דברים והאילן הזה צריך להשקותו ואני מזריח עליו השמש ומייבש אותו
- ❑ שתי התשובות נכונות

**יז. מה שמע שהירח מספר לשמש על הדאגות שיש לה?**
- ❑ שהשדים אין להם כח ברגליהם והם יונקים מרגלי ואין לי כח ברגלי
- ❑ כי יש אילן שהוא מסוגל להרבה דברים והאילן הזה צריך להשקותו ואני מזריח עליו הירח ומייבש אותו
- ❑ שתי התשובות נכונות

**תשתדלו להשקות אילנות - בהצלחה גדולה**

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 1532651961 או ל: L3233287@gmail.com